אי. קיפּניס

כאַדאָשים און טעג

א כראָניק

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
קיעוו — 1926

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק"
4-טע דרוקעריי, וואראווסקע 42
באשט. № 4104 געדרוקט 2000
אקרליט № 18102

R-2400

אַ ווינקל פון יאָר 1919

I

די וועלט-ליטעראַטור ווייסט פון פיל אַזעלכע פאַלן:

די נאַציע אינגאַנצן האָט שוין לאַנג געלעבט מיט אַ מאָדערנעם לעבן, און ערגעץ אַ פאַרוואָרפענע פּראָווינץ האָט נאָך געלעבט אין איר פּאַרצייטישער פאַרכאָלעמטקייט, אַ פאַרגעסענע.

און פּלוצים איז געקומען פונדאָרט אַ שרייבער, וואָס האָט דערציילט, ווי זיין פאַרשלאָפענע היים האָט זיך אַ צעטומלטע אופגעכאַפּט פון אַ פייף פון אַ ווייטן צוג און באַטלט כאַלוימעס אַף דעם ניט-געבעטענעם גאַסט, וואָס האָט דעם היימישן, ליבן, דווירעס-דיקן דרימל צעשטערט.

די גרויסע ליטעראַטור פון אָט דער נאַציע האָט שוין דאַן געווייטיקט מיט די רייפסטע פאָרם-דערגרייכונגען, נאָר אָט דער דיכטער פון דער פאַרצייטישער פּראָווינץ האָט געזוכט אַ פּרימיטיוו, וואָס זאָל אַזוי פאַרצייטיש זיין, ווי זיין פאַרצייטישע היים.

און איז עס פאַר דעם קינסטלער געווען אַ געצוואונגענער אָפּרייסן זיך פון דעם מאָדערנעם שאַפן און אַ זוכעניש פון אַן אַלטן, פאַר אים שוין פרעמדן מאַלבוש, קעדיי זיך אין אים פאָרשטעלן, איז דער דיכטער דאַן געקומען בלויז צו געמעלאָכעטער סטיליזאַציע.

איז עס אָבער געווען פאַר אים זיין אָרגאַנישער שאַפונג-וועג, האָט ער דאַן געגעבן אַ קינסטלערישן פּרימיטיוו.

אַזוי איז געווען דער פאַל מיט דעם פראַנצויזישן שרייבער אַלפאָנס דאָדע.

פראַנקרייך האָט שוין איבערגעלעבט דריי רעוואָלוציעס, זי האָט שוין געהאַלטן ערעוו דער קאָמונע. אין ליטעראַטור איז שוין געווען נאָך באָדלערן, ס'האָט שוין געהערשט ווערלען. און דאַן איז אומדערוואַרט געקומען אַלפאָנס דאָדע מיט זיינע „בריוו פון מיין מיל" — אַ עלעגיע אין פּראָזע וועגן דעם הערלעכן גלויבן פון אַלטן פּראָוואַנסאַלער מילנער, אַז די דאַמפמילן מוזן באָטל ווערן, און מ'וועט זיך מוזן אומקערן צוריק צו אים און צו זיינע ווינט-מילן.

און דאָדעס בריוו זיינען דערום געוואָרן אַ צירונג-בלעטל אין דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, ווייל זיי האָבן פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ דיכטערישע פּאַשטעס, ווי טמימעסדיק ס'איז געווען דער לעבנס-באַנעם פון אָט דעם מילנער.

אַזאַ דערשיינונג אין אונדזער ליטעראַטור איז איציק קיפּניסעס כראָניק:

„כאַדאָשים און טעג".

ס'איז 1918, 1919. איבערן גאַנצן לאַנד ברענט אַ העליש פייער פון בירגערקריג. נאָר אין סלאָוועשנע איז פרייטיק—פרייטיק. „די קוימענעס פון די נידעריקע הייזלעך באַשמעקן די געסלעך מיט ווייצנס, מיט וואַרעמען קיצלדיקן רייעך פון קיכלעך מיט צימרינג באַשאָטן און פון פאַרטיקע געפּרעגלטע קאַשניקעס צום אָנבייסן... און דורכן קליינעם קיךפענצטערל זעט מען, ווי ס'הייצט זיך די באָד".

מ׳ווייסט דאָ, אַז ערגעץ איז אַ רעוואָלוציע פֿאָרגעקומען.

„ווער ווייסט עס ניט, אַז אין רוסלאַנד איז שוין אַ יאָר נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע.

„אוודאי ווייסן מיר! מ׳פּילט עפּעס „יעשועס אף אידן״, אָבער דערווייל ווייסט נאָך אונדזער שטעטל פֿון גאָרניט״.

וועגן וועלט-מילכאָמע, גרויסער רוסישער רעוואָלוציע האָט סלאָוועשנע אַזעלכע-בעערעך פֿאָרשטעלונגען, ווי קאַבצאַנסק האָט געהאַט וועגן מאַנטעפּיאָרע מיט ניקאָלאַי דעם ערשטן. ווייסט מען פֿון „די פּעטריקאָווער סאָכרים, יאַטן מיט גאָלדענע זייגערס״, וואָס קומען אַהער, אין דעם האַרבאַרני-שטעטל, „קויפֿן גרויסע הורטן סכוירע״,—ווי וועגן דעם, אַז „ס׳הערט זיך, כאַטוועשאָלעם, שלעכטס אף אידן״, ווייסט מען פֿון מאַרקען, „דעם ציגיינער, דעם קאַבצאַניוק״, וואָס „קאָן טרינקען און קאָן דערציילן אַסאַך ליגונים״.

איז אָבער גרויסע רוסישע רעוואָלוציע ניט מאַנטעפּיאָרע, און ניט אַפּילע „דרייפוס אין קאַסרילעווקע״, וואָס מ׳קען אָפּקומען מיט אַרומכקירען זיי. אירע כוואַליעס גיבן אַמאָל אַ פּאַטש און פּאָטרינקען אויך סלאָוועשנע. שניידט זיך אַריין אין דעם רואיקן פּרייטיק באַטאָג, ווען איבער גאַנץ סלאָוועשנע שמעקן „קיכלעך מיט צימרינג״, דער „גאַנצער אידישער אוורוטש״, וואָס האָט באַוויזן זיך ראַטעווען פֿון אַטאַמאַן קאָזיר-זירקאָס כאַלעף.

ווען אָט די ערשטע כוואַליע רינט אָפּ, דרימלט ווייטער סלאָוועשנע. ס׳איז „מיר גוט ווי דער וועלט. אינדרויסן איז שוואַוּעס. אומעטום באַקן זיך בלינצעס, יעדער קוימען לאָזט אַ רויך פֿון בלינצעס״.

ווען אַ צווייטע כוואַליע פֿון בירגערקריג וועט אַהער אַ קלאַפּ טון, סאָקאָלאָווסקיס באַנדע וועט זיך דערנעענטערן, וועט מען אין סלאָוועשנע באַטלדיק דאָס אוועקמאַכן מיט דער האַנט:

„סלאָוועשנע האָט, אַלעוואַי אף ווייטער, פֿון אַזעלכע צאָרעס ניט געוואוסט...״

נאָר די כוואַליע האָט זיך אַהער דעריסן: געלאָזט אָפּן סלאָוועשנער „הייליקן אָרט—קדוישים״, זי איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן מיט אַ רויטאַרמייאישער כוואַליע, וואָס האָט „אָפּגענומען אַ קאָפּ פֿאַר אַ קאָפּ: אַנערעך 60 אַנקעגן 160.״ און דערנאָך האָט מען שוין ווייטער געלעבט דאָס רואיקע סלאָוועשנער לעבן, דער דווירעסדיקער שאָלעם-באַיס מיט דער „גאָישער גאַס״ האָט זיך צוריק איינגעשטעלט, ניט מער די „גאָים האָבן אַמאָל באַדוירט,—וואָס די צעשאָסענע „גאָים זיינען געווען אַזעלכע געזונטע, איינס אין איינס, און די אידן, וואָס מ׳האָט זיי געהאַרגעט, זיינען דאָך ניט געווען אַלע קיין בעריעס. נאָר וואוניט-וואו האָבן זיך דורכגעוואָרפֿן געזונטע באָכורים״.

דער סאָציאַלער באַוואוסטזיין פֿון דעם אידישן פֿאָלק אין 1919 י. האָט זיך כאַראַקטעריזירט מיטן באַוואוסטזיין פֿון קיעוו און מינסק, אָדער אַפּילע פֿון פּראָסקוראָוו און סלוצק, און ניט מיט דעם באַוואוסטזיין פֿון סלאָוועשנע.

נאָר גופֿע סלאָוועשנע האָט אין 1919 י. פֿאַרמאָגט דעם סאָציאַלן באַוואוסטזיין פֿון קאַסרילעווקע אין דרייפוסעס צייטן. יענע קאַסרילעווקע איז געווען אַ קלאַל. סלאָוועשנע—אַ פּראַט. יענע קאַסרילעווקע האָט דערום געמוזט געגעבן ווערן, ווי אַ באַגריף; סלאָוועשנע פֿון 1919—בלויז ווי אַ פֿאַקט.

האָט די קינסטלערישע פֿאַרקערפּערונג פֿון סלאָוועשנער באַגעגעניש מיט דעם בירגערקריג ניט געקאָנט און ניט געטאָרט דיכטעריש פֿאַראַלגעמיינערט ווערן: זי האָט געמוזט געגעבן ווערן בלויז ווי אַ כראָניק.

סלאָוועשנע קאָן ניט ווערן קיין טיפּיזירנדיקער באַגריף, מוז בלייבן אַ כראָניק-פֿאַקט. נאָר אַ פֿאַקט איז דאָך, אַז סלאָוועשנע האָט ביז איר באַגעגעניש מיט וועלט-רעוואָלוציע איינגעהיט איר

קאַסרילעווקער באַוואוסטזיין. מוז דער שרייבער פון אָט דער כראָניק, אויב ער וויל קינסטלעריש אָרגאַניש בלייבן, געפינען דעם סאָד פון דער מאיסטערשאַפט פון „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס", ווי די אידישע ליטעראַטור זאָל שוין אין 1926 י. ניט האָבן ווייט אוועקגעגאַנגען פון יענעם שאָלעם-אליכעם-בוך.

און פאר אי. קיפּניס איז אָט דער סאָד ניט פאַרבאָרגן.

דער שאָלעם-אַליכעם-סטיל איז אזא הייך פון פּאַשטעס, ער איז אזאַ סינטעטישער אויסדרוק פונם וואָרט פון א קלאַל, אַז נאָכפאָלגן אים האָט זיך, ווי באַוואוסט, קיינעם ניט איינגעגעבן. יעדער נאָכפאָלגער האָט דאָס שאָלעם-אַלייכעמישע סינטעטישע וואָרט צוריק צעשטויבט אף זיינע ערשטע עלעמענטן. ער האָט דאָס וואָרט ניט באַנייט דורך מאיסטערשאַפט, נאָר אָפּגערוקט דורך באַרעדעוודיקייט.

אָט די געפאר איז אויך געווען פאר אי. קיפּניסן. ער האָט אים אָבער בערערךְ-קלאַל—אויסגעמיטן.

און געהאָלפן האָבן אים דאָ צוויי פאַקטן. — איינס, איז דער סטיל דאָ געווען אַ סאַכאַקל ניט פון קיין ליטעראַרישער טראַדיציע. ער איז געווען אַ פאָדערונג פון מאַטעריאַל. פאַרקערט, די לעבעדיקע ליטעראַרישע טראַדיציע, וואָס רינגלט קיפּניסן אין 1926 י. אַרום, האָט אים געצויגן פון שאָלעם-אַלייכעמען. צוויי — און דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן קיפּניסעס אינטואיציע — קיפּניס האָט זיך ניט אוועקגעשטעלט דיכטעריש אין אַ זייט און פון זיין ווינקל גענומען באַווייזן סלאָוועשנער נאַיוויטעט. ער האָט סלאָוועשנער פּאָגראָם-כראָניק געמאכט פאר א טייל פון זיין יוגנטלעכער ליבע-כראָניק.

דאַרף מען באם מאיסטער פון קאַסרילאָווקע זוכן די פאָרם פאר דער סלאָוועשנע-כראָניק, ווענדט זיך קיפּניס ניט צום פעליעטאָנען-זשאַנר פון באַרעדעוודיקן מאָנאָלאָג, וואוהין ס׳לאָזן זיך געוויינטלעך אַלע שאָלעם-אליכעם-נאָכמאַכער, נאָר צום לירישן „בלעטל שיר-האַשירים".

ער גיט א בלעטל יוגנטלעכע ליבע פון א יי ז י ק און ב ו ז י.

איינס איז דער פרימיטיוו פון דעם סלאָוועשנער רעוואָלוציע-באַוואוסטזיין מיט דעם פרימיטיוו פון אייזיקס און בוזיס ליבע-באַוואוסטזיין.

ווי יעדע רעוואָלוציע-כוואַליע איז דאָ בלויז אן איבערייס אין דעם סלאָוועשנער דרימל, אזוי איז זי בלויז אַ צעשטערונג פון אייזיקס און בוזיס ליעבע-כאָלעם. זי שטערט זיי זיצן שאַבעס נאָכן עסן באַ זיי אין „פאָרפּאָלקישן אַלקער אף דער ערד, אף דער אויסגעשפרייטער שאַל און זיך מעסטן די נעזער: באַ וועמען איז זי אַ „לייגנערע".

דער סטיל פון בוך איז אזוי אַרום אן אָרגאַנישער סאַכאַקל פון דעם מאַטעריאל, פון דעם צווייענדיקן כראָניק-פרימיטיוו, און קלאל ניט קיין סאַכאקל פון פארשפעטיקטער שאָלעם-אַלייכעם-נאָכמאכעריי.

דער בוך איז ניט פריי פון צעצויגנקייט. אָבער דאס שטאמט ניט פון קיין באַרעדעוודיקייט אַלפי שאָלעם-אַלייכעם. דאָס שטאַמט דערפון, וואָס קיפּניס האט ניט אלעמאָל אַרויסגעוויזן גענוג ווידערשטאנד דער נאַטור פון כראָניק, וואָס ציט אלץ זאָל פארצייכנט ווערן. טרעפן זיך פאקטן, וואָס פאר דער קינסטלערישער גאַנצקייט פון דער כראָניק זיינען זיי שוין ניט אַבסאָלוט נייטיק. אָבער אָט די פאַקטן גופע זיינען געגעבן מיט א געוויסער וואָרט-איינגעהאַלטנקייט.

און ווידער טרעפן זיך פאַקטן, וואָס זיינען אויסער די גרענעצן פון סלאָוועשנער באַוואוסטזיין און מוזן געמאָסטן ווערן מיט אן אַנדער קינסטלערישער מאָס, ווי די מאָס פון אַ כראָניק-פרימיטיוו; אַטשייגער, די „געזעגעניש" פון זוריטשעווער קהילע-דעלעגאַציע מיטן אַטאַמאַן קאָזיר-זירקאָ, צי אפילע די כלאָוועשנער הארבארניקעס פאָרן צום אַטאַמאַן קאָזיר-זירקאָ זיך „שטעלן צום פריזיוו".

לייענסט זיי מיט פארדרוס. מיט פארדרוס, וואָס אָט די בלעטלעך רעוואָלוציע און בירגערקריג האָבן זייער ערשטע קינסטלערישע פאַרצייכענונג אין א פרימיטיוו געפונען.

נאָר דאָס איז א טאַינע צו דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור, וואָס האלט, דערעך־אַגעוו, אין פארעגטפערן זי, און ניט קיין פאָדערונג צו קיפּניסעס כראָניק.

די אָנגעמערקטע אומשטענדן, וואס האָבן פארורזאַכט די עצעם „כראָניק״: „כאַדראָשים און טעג״—האָבן געפאָדערט, אז אויך אָט די גרויזאַמע צוזאַמענטרעפונגען זאָלן אין דעם בוך אין א פרימיטיוו אויסגעדריקט ווערן.

II

לעכאַטכילע איז קיפּניסעס בוך א שעפערישער פויעל־יויצע פון סלאָוועשנער ווירקלעכקייט. נאָר, אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט, איז ער דאָך שוין א פאַקט פון דער אידישער ליטעראַרישער ווירקלעכקייט אין ראַטנפארבאנד אין 1926 י. דערום איז ניט אויסגעשלאָסן, מ׳זאָל קומען צום בוך סיי מיט ליטעראַרישע, סיי מיט אידעאָלאָגישע טאַינעס.

אָט די ביידערליי טאַינעס וואָלטן אָבער באַטייט ניט דערשאצן די נאַטור פון בוך.

דער ווינקלדיקער פאַרצייטישער מאַטעריאל האָט געפאָדערט, דעם שרייבערס אויג זאל זיין געווענדט אף א „בלעטל שיר־האַשירים״, און ניט אף „גאַלאָפּ״, פונקט ווי דאָס, וואָס סלאָוועשנע לעבט מיט פאָרשטעלונגען נעענטערע צו מענדעלעס צייטן, ווי צו 1919, האָט געפאָדערט, אַז דער קעגנזייטיקער קוק פון אידישן און „גאָיעשן״ סלאָוועשנע זאָל זיין נעענטער צום טאָן פון שאָלעם־אַלייכעמס „לאַג־בוימער״, ווי צו דער שפּראַך פון קאָמינטערן.

דאָ אליין איז אָבער נאָך ניטאָ קיין מוז פאַר אידעאָלאָגישע דורכפאַלן. ווייל ווי היימיש־פאַטריארכאל ס׳איז דער וועלט־באַנעם פון אידישן סלאָוועשנע, אַזוי איז אויך היימיש־פאַטריארכאַל דער באוואוסטזיין פון ניט־אידישן. אין די פאַרוואָרפענע ווייטע מיילן פון א באַן, אין א טיפן ווינקל פון דער ביקלאל אָפּגעשטאַנענער פּאָלעסיע זיינען די אוקראַינישע פויערים אין דער „כראָניק״ בלויז דער אָביעקט, און ניט דער סוביעקט פון דער רעוואָלוציאָנערער אָדער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער כוואַליע, פונקט ווי עס איז בלויז א קאָרבן און ניט קיין קעמפער דער סלאָוועשנער איד.

פאר קיפּניסן איז עס קלאָר, און ווי ער נוצט אָפּט ניט אויס דעם אַלטן קליינשטעטלדיקן ביטל־אויסדרוק וועגן „גאָי״, ווייסט ער אין טאָך ניט פון קיין קאָנפליקטן צווישן „דער אידישער און גאָיעשער גאַס״.

סלאָוועשנער אידן לויפן פון שטעטל, וואו מ׳ריכט זיך אף א פּאָגראָם. זיי שעמען זיך פאר די „פּאַרטיעס גאָיעמלעך״, וואָס זיי „באַגעגענען אף די פעלדער״ גייען קיין סלאָוועשנע.

— „וואָס וועלן מיר זיי ענטפערן, אויב זיי וועלן אונדז עפּעס אינמיטן־דרינען א פרעג טון ?...

„נאָר זיי פרעגן ניט. זיי גייען זייט־אויס דורך די פעלדער־שטעגעלעך.

„זיי שעמען זיך פאר עפּעס.

„זיי גייען עפשער דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן אף אַזאַ שפּיל, און דאָס אויך „ווייל מ׳האָט זיי איינגערעדט דערוף—גייען זיי פארשעמטע און גרויע, אַביסל אַ ר אָ פּ ־ ג ע ל אָ ז ע נ ע באַ זיך און מיט ניט קיין אופגעהויבענע קעפּ״...

דעם אידישן און ניט־אידישן סלאָוועשנע איז נאָך גלייך פרעמד דער מאָדערנער קאָמינטערן־באוואוסטזיין. סלאָוועשנער גאָים זיינען אָבער נאָך פונקט אזוי ווייט פון פעטלורישן ש אָוויניזם, ווי די דאָרטיקע אידן פון ציאָניסטישן.

ניט געקוקט דערויף, וואָס א גאַס האָט א גאַס אומגעקערט „אַ קאָפּ פאר א קאָפּ, אַנערעך 60 קעגן 60״, טראָגן די באַציאונגען צווישן ביידע גאסן ביז און נאָך אָט דעם טראַגישן כילעף אַ כאַראקטער פון יענער נאַטירלעכער גוט-שכיינישאַפט, וואָס איז אַלעמאָל געווען טיפּיש פאר דער צוזאַמענלעבונג פון ניט-אידישן און אידישן מאַסן-מענטשן, קאָלזמאַן זיי זיינען נאָך ביידע געווען פריי פון אויסערלעכע נאַציאָנאַליסטיש-פּאָליטישע ווירקונגען.

פארענטפערן זיך דערום איצט נאָך דעם כילעף סלאָוועשנער גאָים, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט איינרעדן. און סלאָוועשנער אידן שטימען-צו צו דער פארענטפערונג:

„זיי זיינען דאָך גערעכט. זיי זיינען דען שולדיק, וואָס מ׳האָט זיי איינגערעדט?״

ווען דער אידישער אָדער אוקראַינישער קינסטלער וועט געבן דעם קינסטלערישן אויסדרוק פון דער קאַטאַסטראָפע אין אוקראַינע אין 1919 י., ווי אויך פון פּראָצעס פון דער נייער צוזאַמענלעבונג פון דער אידישער און אוקראַינישער באַפעלקערונג נאָך אָט דער קאַטאַסטראָפע, וועט ער, ווי מיר האָבן שוין איינמאָל אָנגעוויזן, „ווייט ניט קאָנען זיין אַזוי אידעאָלאָגיש גראַדליניק, ווי דער לאָזונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-ברידערשאַפט״ („רויטע וועלט״ נומ. 2—1, ז. 128).

ווי, צום ביישפּיל, ד. האָפשטיין האָט ניט געוואָלט אין זיין „Tristia“ בלייבן פילאָזאָפיש קלוג, ווי ער האָט ניט געזוכט „פאַרשטיין און פאַרגעבן״ דורך זיין

„איך ווייס דאָס אויך: פאַר אויסוואורפן
ביסט דוירעס לאַנג פון גרויסן גרויען לאַנד״...
געווען א מיקלעט-פּלאַץ

איז עד דאָך געקומען צו אופוואַרפן אוקראַינע, אז איר

...ברוסט זיי וואַרפן אף אַ קאָפּ:
איז שטענדיק גרייט שלאָג!
די ווילדע הענט צעהוידען, קלאַפּ!״...

און האָט דיכטעריש דאָס גאַנצע לאַנד צום שאַנד-סלופּ צוגעקלאַפּט:

„אף אלע — אַלע שטרעקעס דיינע
שאָטנט זיך דיין שאַנד,
אוקראַינע!״

אַזעלכע טענער און פארבן וועלן מוזן זיין, אויב מ׳וועט וועלן דיכטעריש ווייזן, ווי בלוטיק דער וויטיק פון די צוויי פעלקער איז געווען. אנדערש וועט מען בלויז שלעכטע בעלעטריסטישע לייט-אַרטיקלען געבן. און, וואָס נאָך וויכטיקער, אַנדערש וועט מען אויך דיכטעריש ניט געבן די שעפערישקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער אופלעבונג פון די צוויי פעלקער נאָך דער קאַטאַסטראָפע. דער פּרימיטיוו פון מאַטעריאַל האָט מיטגעהאָלפן קיפּניסן, אַז פאר אים זיינען גאָר אייגנטלעך ניט געשטאַנען דידאָזיקע אידעאָלאָגישע געפאַרן: ער האָט זיי אויסגעמיטן.

זיין בוך איז דערום נאָך ניט דער כויוו, וואָס די אידישע ליטעראַטור האָט צו דעקן דער אידישער געשיכטע פארן 1919 י.

דער בוך וועט אָבער, דורך דעם אומגעהייערן קאָנטראַסט צווישן „אייזיקס און בוזיס״ באוואוסטזיין און דעם גרויזאַם פון זייער ציטערנדיקן אומגיין אפן ראַנד פון אומקום, בלייבן א זעלטענער איידעס פון דער טראַגישקייט פון 1919 י.

י. נוסינאָוו